# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' ויקרא
שנה ב'

כל הזכיות שמורות

## קרבת אלקים

### חלק א. קומען נאנט צום באשעפער

#### גיין צום מזבח

**אין** אנהייב פון די היינטיגע פרשה זאגט אונז די תורה, צווישן אלע הלכות פון הקרבת קרבנות אין בית המקדש: וְשָׁחַט אֶת בֶּן הַבָּקָר לִפְנֵי הַשֵּׁם וְהִקְרִיבוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֶת הַדָּם וְזָרְקוּ אֶת הַדָּם עַל הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב - און ער זאל שחט'ן דעם רונד פאר דעם באשעפער און די כהנים זאלן דערנענטערן די בלוט צום מזבח און עס שפריצן אויף די ווינקלען ארום דעם מזבח (ויקרא א:ה).

בשעת דער מענטש האט גע'שחט'ן די בהמה האט א כהן געדארפט אפנעמען דאס בלוט אין א כלי שרת - דאס האט מען גערופן קבלת הדם, די עבודה פון נעמען דאס בלוט. די דאזיגע בלוט אינעם שיסל האט מען גענוצט פאר זריקת הדם - שפריצן דאס בלוט אויפ'ן מזבח, וואס די גאנצע עבודה האט מכפר געווען אויף דעם בעל הקרבן.

אבער צווישן אפנעמען דאס בלוט אין א כלי און עס שפרינקלען אויפ'ן מזבח, איז געווען נאך א טייל פון די עבודה וואס האט געדארפט געטון ווערן - דאס איז 'הליכה', גיין; דאס באדייט, עס איז געווען א באזונדערע מצוה דאס גיין צו דער מזבח מיט דעם כלי שרת צו שפרינקלען דאס בלוט.

די עבודה פון הליכת הדם איז א וויכטיגער פרט - געוועגליך אויב דאס איז נישט אויסגעפירט געווארן, איז דער גאנצער קרבן געווען פסול און נישט אנגענומען. אויב, צום ביישפיל, מ'וואלט געמאכט א סדר פון אויסגע'שורה'טע כהנים וואס שטייען איינער נאך דעם צווייטן, פון דעם ארט וואו מ'דארף נעמען די בלוט פון די בהמה ביז צום מזבח, און איינער זאל איבערגעבן די שיסל פאר'ן צווייטן ביז צום לעצטן כהן נעבן דעם מזבח, וואס ער זאל שפרינקלען דאס בלוט, וועט דאס נישט זיין א כשר'ער קרבן, ווייל עס האט פארפעלט איין הלכה - עס איז אויסגעמיטן געווארן דער גאנג צום מזבח און דאדורך דער יסודות'דיגער לימוד וואס די 'הליכה' קומט אונז לערנען.

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

## וואס איז דער לימוד?

**די** תורה וויל דא באטאנען די וויכטיגקייט פונעם גאנג צו קומען נאנט צום באשעפער. ווייל וואס איז בכלל דער ציל פונעם קרבן? עס טוט אפצייכענען דער רצון פון א מענטש להתקרב - צו ווערן נאנט צום באשעפער און באקומען פון אים א כפרה. דערפאר, ווען דער פסוק זאגט אונז אז די הליכה איז א וויכטיגער טייל ביים מקריב זיין א קרבן, לערנט דאס אונז אז אויב מען וויל ווערן נאנט צום באשעפער, אויב מ׳וויל קונה זיין קרבת אלקים, דאן איז די הליכה, די פיזישע באוועגונג זייער באדייטנד.

דאס ווייסט יעדער אז כדי צו קונה זיין קרבת אלקים פאדערט עס אן עבודה אין קאפ - טראכטן וויפיל עס איז מעגליך פון באשעפער. דאס איז זיכער אז מיר דארפן זיין נאנט צום באשעפער מיט אונזערע מחשבות. אויב מען לערנט תורה, איז דאס דביקות. ווען מ׳טראכט פון עניני אמונה, איז דאס קרבת אלקים. אויב מ׳פראבירט צו טון אלעס לשם שמים, זיכער ווערט מען דורכדעם זייער נאנט צום באשעפער. אזוי אויך איז קלאר אז מיר דארפן אריינלייגן אן עבודה צו קונה זיין טיפע געפילן פון יראת ה׳, אהבת ה׳, בטחון און דאס גלייכן.

מענטשן מאכן אבער א גרויסן טעות ווען זיי מיינען אז קרבת אלקים באציט זיך נאר צו טראכטן פון באשעפער, און די מצוה פון הליכה ווערט באזייטיגט. די עבודה פון הליכה, פון גיין צו דער מזבח, קומט אונז לערנען, צווישן פיל אנדערע זאכן, א וויכטיגער דערהער אז כדי צו קונה זיין קרבת אלקים מוז מען קומען נאנט צום באשעפער פיזיש - מען דארף ברענגען דעם קערפער נאנט צום באשעפער. זיין פארנומען צו גיין צו אים! בֹּאוּ לְפָנָיו - קום פאר אים! דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון דיר. ער וויל דו זאלסט קומען נאנט; גיין צו אים מיט דיינע פיס.

## ארויפגיין קיין ירושלים

**דערפאר** איז געווען א מצוה בזמן הבית צו עולה רגל זיין דריי מאל אין יאר. שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל זְכוּרְךָ אֶל פְּנֵי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ - דריי מאל אין יאר זאלסטו זיך באווייזן פאר דעם באשעפער, דיין גאט (שמות כג:יז). אין אמאליגע צייטן איז קיינער נישט געפלויגן מיט קיין עראפלאנען צו קיין האטעלן אויף פסח! ניין, אלע זענען געגאנגען צופיס קיין ירושלים! אה, דו שפאנסט צום באשעפער; דאס איז שוין איינמאל עפעס! דו זיצט נישט נאר אין דיין הויז און טראכסט פון באשעפער - דו קומסט צו אים. דאס איז א געוואלדיגע זאך! דו גייסט צו זיין הויז; דו ניצט דיינע פיס צו קומען נאנט צו אים.

שְׂאוּ מִנְחָה וּבֹאוּ לְפָנָיו - הייב אויף א מתנה, א קרבן, און קום פאר׳ן באשעפער (דברי הימים א, טז:כט). טו נישט בלויז שיקן א קרבן - מען קען טראכטן, פארוואס פעלט אויס צו גיין אזא ווייטער וועג, פארברענגען אזויפיל צייט פאר די עבודה פון מקריב זיין א קרבן, אפשר קען מען דאס שיקן מיט א שליח און יוצא זיין דערמיט? ״איך וועל זיצן ביי מיר אין שטוב א גאנצן טאג און איך וועל טראכטן פון די חסדי ה׳.״

זאגט אבער דער באשעפער, ״ניין, דאס איז נישט גענוג. וּבֹאוּ לְפָנָיו - ברענג דיין גוף צו מיר.״

און אזוי האט יעדער פארלאזט זייער הײם, גארטן און פארם דריי מאל אין יאר און זיך גענומען גיין. דאס גאנצע פאלק האט זיך געפאקט פעק, אנגעטון די שיך און געשפאנט מיט גרויסע גרופעס איבער די וועגן קיין ירושלים. עס איז געווען א געהויבענע סצענע צו זען דאס אידישע פאלק מארשירן ארויף צום באשעפער! און בשעת זיי זענען דורכגעגאנגען פארשידענע שטעטלעך און דערפער האבן מער און מער מענטשן זיך צוגעשלאסן צו זיי. זיי זענען געגאנגען און געזונגען די שיר המעלות. דאס איז געווען א הליכה צו דער מזבח אויפ'ן גרעסטן פארנעם! און ווען זיי זענען ענדליך אנגעקומען קיין ירושלים, האבן זיי אלע אינאיינעם געזונגען: עֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָםִ - "מיר זענען דא! מיר האבן עס דורכגעמאכט! מיר זענען געגאנגען לענגאויס פיל מייל דיר צו זען און אצינד שטייען אונזערע פיס אין ירושלים!" (תהלים קכב:ב)

## אויסלויבן זייערע פיס

**לאמיר** זען, ווי אזוי קוקט דער באשעפער אויף דעם? זאגט די גמרא (חגיגה ג.) אז דער באשעפער זאגט אויף זיין פאלק ישראל די פאלגנדע ווערטער אין שיר השירים (ז:ב): מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים בַּת נָדִיב - ווי שיין זענען דיינע פיסטריט באקליידעט אין שיך. דער באשעפער לויבט אויס די שיך? איר דארפט פארשטיין, אז אין יענע צייטן האט נישט יעדער געטראגן שיך; אבער ווען מען האט זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע רייזע, דאן האט מען זיכער געמאכט צו אנטון שיך.

אלזא, ווען דאס אידישע פאלק זענען געווען אויף זייער מסע צום בית המקדש, האט דער באשעפער געקוקט אויף זייערע פיס און געזאגט, כמה נעים רגליהם של ישראל - ווי שיין איז מיין פאלק וואס האבן אנגעטון די שיך און שפאנען אויפ'ן וועג צו מיר." דאס אידישע פאלק שפאנט אויף די וועגן און דער באשעפער לויבט אויס זייערע פיס. אודאי שעצט ער אויך זייערע מחשבות; אויב מען גייט און מען טראכט פון באשעפער, דאס איז גאר גוט. אבער דער בלויזער פאקט אז זייערע פיס באוועגן זיך פאר זיינעט וועגן; צו גיין קיין ירושלים, דער עיר ה', און צו ארויפקריכן צום שפיץ פונעם הר הבית וואו עס געפינט זיך דער הויז פון באשעפער, דאס אליין איז שוין א געוואלדיגע זאך ביים באשעפער.

אודאי ווען דו קומסט אן אהין, איז כדאי צו קוקן אויף די כהנים בעבודתם; צו זען שם נעבדך ביראה, ווי אזוי זיי דינען דארט דעם באשעפער מיט פארכט - דאס וועט שטארק משפיע זיין אויף דיר. אבער אפילו דו זאלסט גארנישט טון - דו ביסט געקומען און דאס איז עס; זאלסטו דאס נישט אונטערשאצן - דאס אליין אז דו ביסט פיזיש געקומען נענטער צום באשעפער איז א געוואלדיגע זאך.

## די עבודה היינט

**היינט** קענען מיר דאס נישט טון. מיר קוקן ארויס און האפן צום גרויסן טאג ווען מיר וועלן ווידעראמאל האבן די זכי' צו באזוכן דעם באשעפער אין זיין הײם אין ירושלים, אבער דוד המלך לערנט אונז א וועג ווי אזוי מיר קענען דאס נאכטון און זיך ברענגען נאנט צום באשעפער אויף

היינט. דוד המלך זאגט (תהלים כז:ד), אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה׳ - בלויז איין זאך בעט איך פון דיר, באשעפער. איין זאך! איר הערט? יעדער מענטש האט אזויפיל זאכן וואס ער דארף בעטן פון באשעפער - אזויפיל זאכן וואס ער וויל און דארף האבן. אבער דוד זאגט, עס איז דא איין זאך וואס דאס איז די וויכטיגסטע זאך ביי מיר און אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ - דאס זוך איך נאכאנאנד. און וואס איז דאס? שִׁבְתִּי בְּבֵית הַשֵּׁם כָּל יְמֵי חַיַּי - איך זאל זיצן אין הויז פון באשעפער אלע טעג פון מיין לעבן.

לאמיר נעמען א ביישפיל פון איינער וואס איז א פארנומענער מענטש; ער איז א גרויסער ביזנעס אונטערנעמער אדער אפשר א בארימטער דאקטאר. ער איז אן ערפאלגרייכער פערזענליכקייט וואס פארברענגט אסאך צייט ביי זיך אין אפיס. אין אוונט, ווען ער קומט ענדליך אהיים, גלוסט זיך אים א גוטער אפרו. ער וויל זיצן אויפ׳ן קאנאפע מיט זיינע פיס ארויף - פארוואס נישט; ער האט געהאט א לאנגער פארנומענער טאג. אבער ער דערמאנט זיך אין די ווערטער פון דוד המלך און ער הייבט אויף זיין מידן קערפער און גייט גלייך צום הויז וואס איז אים די מערסטע באליבט; צום הויז פון זיין ׳בעסטן פריינט׳, צו זיצן דארט ווילאנג ער קען.

און זיין ווייב שטיצט אים אונטער; זי זאגט, ״ווען דו גייסט אהין, נעם מיר מיט מיט דיר. איך קען נישט גיין פיזיש אבער איך בין דארט מיט מיין גייסט.״ צומאל דארף זי אים אויך צושטופן דערצו און דערמאנט, ״אייל זיך צו, דו קענסט פארפאסן מעריב.״ און ער פארשטייט דעם רמז און באקומט א רצון צו גיין. דערמיט האט זי א 100% חלק. זי גייט ׳צוזאמען׳ מיט אים אפילו ווען זי בלייבט אינדערהיים פארנומען מיט איר ארבעט.

מיר קענען טאקע נישט אלעמאל זיצן אין שול; מיר דארפן ארבעטן פאר פרנסה און אפילו ווער עס גייט נישט ארבעטן, ער זיצט אין שול און לערנט א גאנצן טאג, קומט אבער א צייט ווען דער שמש זאגט, ״אנטשולדיגט ר׳ איד, איר דארפט ארויסגיין, מיר דארפן שוין פארשפארן די שול.״ - אבער דאס דארף זיין אונזער טיפער באגער. צו זיין נאנט צום באשעפער פיזיש, דאס איז וואס דוד המלך האט באגערט. דערפאר האט ער געזאגט, ״פון אלע זאכן וואס איך באגער, איז די איינע זאך וואס איך וויל באמת, שִׁבְתִּי בְּבֵית הַשֵּׁם - איך ווינטש זיך זיצן אין הויז פון באשעפער, כָּל יְמֵי חַיַּי - אלע טעג פון מיין לעבן.״

## אפילו בלויז זיצן

**קענט** איר טראכטן אז דאס מיינט צו גיין אין שול אדער בית המדרש, עפענען א תהלים אדער גמרא און זיך נעמען צו די עבודה. צו דעם איז דאך א שול געמאכט געווארן. אבער ניין; דוד המלך האט נישט דאס געזאגט. ער האט געזאגט, ״די אייציגע זאך וואס איך וויל איז שִׁבְתִּי! איך וויל זיצן אין הויז פון באשעפער.״ אודאי, אז מען זיצט שוין קען מען שוין נאך עפעס אויפטון; אבער אפילו אויב נישט, דו גייסט בלויז ארויף די טרעפ, דו ברענגסט אריין דיין קערפער אין שול און דו זיצט, דאס אליין איז שוין א דערגרייכונג.

א ראי׳ דערצו זעט מען אין א הלכה וואס פיל מענטשן זענען נישט באוויסטזיניג דערצו. עס

מאכט זיך, צום ביישפיל, אז נאכ'ן דאווענען יאגסטו זיך צו כאפן א באס, דו גייסט ארויס פון שול, ווען אינצווישן באמערקסטו אז דו האסט איבערגעלאזט דיין מאנטל אין שול. לויפסטו שנעל צוריק צו נעמען דיין מאנטל. אוי ניין! דו טארסט דאס נישט טון! דו ווילסט אריינגיין אין הויז פון באשעפער בלויז פאר דיין אייגענער נוצן?! דו מעגסט נישט אריינגיין אין שול בלויז אויף צו נעמען דיין מאנטל. די גמרא גיבט אן עצה - ווען דו גייסט אריין אין שול, די ערשטע זאך זאלסטו זיך אראפזעצן. זעץ זיך אראפ א מינוט אינעם מקדש מעט. דאס איז א הלכה - דו דארפסט זיך אראפזעצן א ווייַלע און דערנאך קענסטו נעמען דיין מאנטל. דער רמב"ם (תפילה יא:ט) ערקלערט דאס, "שהישיבה שם מעסקי המצות היא - זיך אראפזעצן אין בית הכנסת איז א מצוה פאר זיך, ווי דער פסוק זאגט אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ - וואויל איז פאר די וואס זיצן אין דיין הויז."

## ניץ אויס די געלעגנהייט

**אלזא**, אויב מיר וואלטן נישט געלערנט די הלכה, וואלטן מיר געקענט מיינען אז אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ מיינט, אז דו זיצט און לערנסט תורה אדער ביסט עוסק בתפילה. אבער ניין - יוֹשְׁבֵי! שטעל נאר אראפ דיין קערפער אויפ'ן בענקל פאר א ווייַלע, דאס איז דער באדייט פון שִׁבְתִּי בְּבֵית הַשֵּׁם. שטעלט זיך פאר, א מענטש קומט אריין אין שול און טוט גארנישט - ער זעצט זיך בלויז אראפ דארט; נישט ווייל ער זוכט אן ארט וואו צו אנטלויפן פון די הייסע זון אדער ווייל עס איז צו קאלט אינדרויסן - ניין, דאס איז אסור צו טון; מען טאר זיך נישט באניצן מיט א בית הכנסת פאר א גשמיות'דיגער צוועק. אבער אויב דו גייסט אריין זיך צו אראפזעצן דארט, כדי צו זיצן אין א מקדש מעט, דאס איז געוואלדיג!

יא, בלויז פאר די מצוה פון זיצן, לוינט זיך צו קומען אין שול. איז דאס דען נישט א גוטער געדאנק? דו גייסט פארביי א שול אדער ישיבה, דו האסט נישט געפלאנט יעצט אריינצוגיין אהין, אבער דו גייסט אריין און זעצט זיך אנידער בלויז פאר די מצוה פון זיצן דארט. דו האסט אריינגעכאפט! פראביר דאס אויס אמאל. עס איז א געלעגנהייט צו קומען נאנט צום באשעפער. דו ביסט נעבן א שול, שטעל זיך אפ, גיי אריין, זעץ זיך אראפ א מינוט און טראכט, "איך טו דאס מיט א ציל." און וואס איז דער ציל? דער ציל איז צו קומען פיזיש נאנט צום באשעפער. זיכער ווילט איר אויך במחשבה ווערן נאנט, אבער דאס איז נישט אזוי גרינג. דאס אז דער קערפער זאל קומען נאנט צום באשעפער איז פיל לייכטער צו אויספירן, איז כאפט אריין די געלעגנהייט. זעץ זיך אראפ א מינוט און טראכט דערוועגן, "איך זיץ יעצט דא אין שול ווייל איך וויל פיזיש זיין נאנט צום באשעפער."

## אן ארט פון קרבת אלקים

**יעדן** טאג ווען דו קומסט אין שול - צי דאס איז א קליינע שטיבל פון א געוויסער רב אדער א גרויסע שול - גייסטו אריין אין אן ארט וואו די שכינה רוט. 'כל בי עשרה' - אין אן ארט וואו עס קומען שטענדיג צען מענטשן צו דאווענען, 'קדמה ואתיא' - ווארט שוין דארט דער באשעפער, די שכינה הק'. אנשטאט צו אריינגיין אין שול אן קיין מחשבה, טראכט איבער די געוואלדיגע חשיבות

און שעך די געלעגנהייט פון קומען פיזיש נאנט צום באשעפער.

בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה - קום אריין אין זיינע טויערן מיט דאנק. דו מיינסט אז דו גייסט אין שול צו טון א טובה פאר׳ן באשעפער; ״זע וואספארא גוטער איד איך בין. איך בין אן ערליכער איד וואס קומט אין שול דאווענען - איך בין אפילו אנגעקומען פאר ברכו.״ ניין, דו קומסט אריין פאר דיינעט וועגן! עס איז א גרויסע שמחה צו זיין נאנט צום באשעפער! עס געבט א חיות אינעם לעבן! דו דארפסט זאגן, ״ב״ה איך האב זוכה געווען צו קומען אין שול! איך בין פריילך אז איך האב גענוצט מיינע פיס צו קומען נענטער צום באשעפער.״

דו האסט אפשר געמיינט אז צו קומען נאנט צום באשעפער באדייט עפעס א טעארעטישע זאך; עפעס וואס מיר ווייסן נישט פונקטליך ווי אזוי צו טון, אדער אפשר כדי זיך צו דערנענטערן צו די שכינה דארף מען זיך פארטיפן אין די סודות התורה און דאס גלייכן. דאס איז טאקע ריכטיג; אבער דוד המלך איז אונז מגלה נאך עפעס - צו ארייגגיין אין הויז פון באשעפער און זיצן דארט, דורכדעם דערגרייכט מען שוין א גרויסע דרגה אין קרבת אלקים; ווייל ווי נענטער מען קען ברענגען דעם גוף צו די שכינה, מאכט דאס א שלימות פאר די נשמה.

## חלק ב. זיך באהעפטן צו ערליכע אידן

### ווער׳ס באשעפער איז ער?!

**צווישן** די אופנים ווי אזוי מיר קענען קומען פיזיש נאנט צום באשעפער איז, זיך צו באהעפטן צו תלמידי חכמים.

איך וועל דאס ערקלערן:

מיר ווייסן אלע אז ווען שאול המלך האט זיך אומגעקערט פון זיין גרויסן נצחון איבער עמלק, האט אים שאול המלך פארגעהאלטן, ער האט אים גע׳מוסר׳ט (שמואל א, טו:יד): ״וּמֶה קוֹל הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי - וואס איז דער קול פון די שאף וואס איך הער אין מיינע אויערן?״ מיט דעם האט ער געמיינט צו אויפפאדערן, ״אנשטאט צו אויס׳הרג׳נען אלע זייערע בהמות, האסטו צוריקגעברענגט זייערע שאף לעבעדיגערהייט?!״ האט שאול זיך פארענטפערט און געזאגט, ״איך האב דאס נאר געטון מיט די כוונה לְמַעַן זְבֹּחַ לַהַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ - כדי דאס צו מקריב זיין פאר׳ן באשעפער, דיין גאט.״

פרעגט דער כוזרי (ד:ג) א שאלה, ״פארוואס שטייט ׳דיין גאט׳? איז ער נישט אויך שאול׳ס גאט?״ שאול המלך איז געווען אן ערליכער איד, ער איז געווען א צדיק גמור - נישטא קיין ספק אין דעם. די חז״ל זאגן עדות אז שאול המלך איז געווען א בן תורה און אן עניו; א גרויסער צדיק. דאן פארוואס האט ער נישט געזאגט, לְמַעַן זְבֹּחַ לַה׳ אֱלֹקַי - איך האב דאס געברענגט כדי צו מקריב זיין פאר דעם באשעפער, מיין גאט. פארוואס זאגט ער ׳אֱלֹקֶיךָ׳?

די זעלבע קשיא פרעגט זיך אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק, אז ווען א איד האט געברענגט ביכורים פאר׳ן כהן, צו דאנקען דערמיט דעם באשעפער וואס האט אים געגעבן די פירות, האט

ער געזאגט צום כהן: הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ - ״איך דערצייל היינט פאר דעם באשעפער, דיין גאט.״ איז ווידעראמאל א וואונדער, צי איז דען דער באשעפער נאר דעם כהן׳ס גאט? פארוואס שטייט נישט ׳ה׳ אֱלֹקַי׳? דער וואס ברענגט די ביכורים איז דאך ווארשיינליך אן ערליכער איד און עס איז דאך אויך זיין גאט!

דאס איז א גוטע שאלה.

## נענטער צו די שכינה

**אלזא**, ערקלערט דער כוזרי, אז זיכער איז דער באשעפער פון דער וועלט יעדן׳ס גאט, אבער דער באשעפער קלייבט אויס צו מאכן זיין שכינה רוען אויף די מענטשן וואס זענען די נענטסטע צו אים. דער נביא שטייט אויף א העכערע דרגה, דערפאר ווען שאול המלך האט גערעדט צום נביא האט ער געזאגט, ״דיין גאט,״ וואס דערמיט האט ער געמיינט צו זאגן, ״די שכינה, דער באשעפער רוהט אויף דיר מער ווי אויף מיר! דו האסט א שלימות אין דיין גרויסקייט וואס דאס מאכט די שכינה רוען אויף דיר מער ווי אויף מיר.״

וועט איר זאגן, ״די שכינה? דאס איז נאר א משל. די שכינה רוהט טאקע ממש אויף אים?!״ איז דער ענטפער, יא! יא! מיר לערנען דערפון אז די שכינה רוהט פאקטיש אויף די חכמי התורה - עס רוהט אויף די כהנים און אויף די נביאים. דערפאר, ווען מען דערנענטערט זיך צו תלמידי חכמים, צו די וואס די שכינה רוהט אויף זיי די מערסטע, ווערט דאס אין א געוויסער זין באטראכט ווי מען דערנענטערט זיך צום באשעפער. דאס מיינט, אז נישט נאר ווען מען גייט ארויף צום בית המקדש אדער מען זיצט אין א מקדש מעט איז דאס קרבת אלקים, נאר צו זיין נאנט צו תלמידי חכמים איז נאך א געלעגנהייט צו זיין פיזיש נאנט צום באשעפער.

דערפאר זאגט דער רמב״ם (דעות ו:ב) אז מיר דארפן שטרעבן, ווי ווייט מעגליך, צו זיין נאנט צו חכמים ׳בכל מיני חבור׳, מיט יעדן אופן פון נאנטקייט; צו שפאנען מיט זיי, צו עסן אינאיינעם מיט זיי, זיך צו באשעפטיגן מיט זיי. אויף סיי וועלכן אופן מען קען זיין פיזיש נאנט צו זיי, איז מען דורכדעם נאנט צום באשעפער.

## געוואשן די הענט

**דאס** איז דער ענין פון שימושי של תורה - צו משמש זיין, באדינען, תלמידי חכמים. דערפאר, ווען דער ספר מלכים (ב, ג:יא) וויל דערציילן ווער אלישע הנביא איז געווען, וואס עס איז געווען זיין יחוס, שטייט, פֹּה אֱלִישָׁע בֶן שָׁפָט, אֲשֶׁר יָצַק מַיִם עַל יְדֵי אֵלִיָּהוּ - דא איז אלישע דער זון פון שפט, וואס האט געגאסן וואסער אויף אליהו׳ס הענט.״ עס זענען דא וואס זאגן אז דאס איז בלויז א משל - זיי לאזן זיך אריין אין הערליכע ערקלערונגען; זיי וויל זאגן אז שימוש מיינט צו לערנען מיט׳ן רבי׳ן און דער פסוק וויל ארויסברענגען אז אלישע איז געווען א תלמיד פון אליהו און ער האט געלערנט מיט אים טיפע סודות התורה. די גמרא (ברכות ז:) ערקלערט אבער אנדערש: למד לא נאמר - עס שטייט נישט אז ער האט געלערנט פון אים, אלא יצק - עס שטייט נאר אז ער

האט געגאסן וואסער אויף זיינע הענט. דאס מיינט אז אלישע איז געווען אנוועזנד בשעת אליהו האט זיך געדארפט וואשן די הענט און ער האט גענומען א טעפל וואסער און דאס געגאסן אויף זיין רבי'ס הענט. און דאס איז די הקדמה ווען מען וויל רעדן פון אלישע - אז ער האט געוואשן זיין רבי'ס הענט.

דאס הערט זיך זייער וואונדערליך, ממש נישט צום פארשטיין. דער פסוק וואלט געקענט זאגן, "דא איז אלישע וועלכער האט געלערנט פון אליהו הנביא ווי אזוי צו דערגרייכן א דרגה פון נבואה." אליהו הנביא איז דער וואס האט אויסגעלערנט אלישע ווי אזוי צו ווערן א נביא. ער האט געהאט א ישיבה פון בני הנביאים און דארט האט ער ערצויגן אלישע צו די דרכי הנבואה - ער האט אים אלעס אויסגעלערנט. אבער ניין, דאס ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט דא. די אלע סודות התורה, אלע דרכי ה' און אלע אנדערע זאכן וואס זענען געלערנט געווארן אין די געהויבענע ישיבה פון נבואה, ווערט דא נישט דערציילט. די איינציגסטע זאך וואס איז וויכטיג צו דערמאנען איז אז אלישע האט געגאסן וואסער אויף די הענט פון אליהו הנביא!

זאגט די גמרא אז פון דא זעען מיר, גדולה שימושה של תורה יותר מלימודה - צו באדינען איינער וואס לערנט אויס תורה איז נאך גרעסער ווי צו לערנען תורה פון אים. פארוואס איז עס אזוי? ווייל צו וואשן די הענט איז א פיזישע נאנטקייט! די פיזישע נאנטקייט צו אליהו הנביא, צו א מענטש אויף וועמען די שכינה רוהט די מערסטע, דאס איז געווען אזא גרויסער זכות, אז עס ווערט גערעכנט ווי צו זיין נאנט צום באשעפער אפילו מער ווי די נאנטקייט וואס מען דערגרייכט דורך לערנען תורה - אין א געוויסן זין איז דאס נאך אפילו חשוב'ער ווי צו לערנען תורה.

## לויף נאך די רבי'ס

**דערפאר** דארפן מיר זיין אויפמערקזאם נישט אדורכצולאזן א געלעגנהייט צו זיין פיזיש נאנט צו גדולי ישראל און תלמידי חכמים פון אונזער דור; צו האבן שייכות מיט זיי ווי ווייט מעגליך. א מענטש קען אסאך פארדינען ווען ער זוכט וואו ער קען משמש זיין תלמידי חכמים. דאס דארף באטראכט ווערן ווי א גרויסער זכות, ווייל דאס איז אן אופן פון דערגרייכן פיזישע נאנטקייט צום באשעפער.

פארשטייט זיך אז די תלמידי חכמים קענען זיין גאר פארנומען; מעגליך אז ווען דו וועסט זוכן צו פארברענגען מיט זיי וועלן זיי דיר דיין עבודה. אבער דאס איז דיין אפשטויסן, צו טון וואס דו קענסט צו זיין נאנט צו זיי. האב נישט מורא אז דו וועסט זיין צו לאסט; זאלן זיי דיר זאגן, "גיי פון דא." דו פראביר דיין בעסטע צו ווערן נאנט צו זיי.

לאמיר נעמען א ביישפיל דער סאטמאר רבי; ער איז אן ערליכער איד, איך קען אים פערזענליך, אבער ער איז זייער א פארנומענער מענטש; ער לערנט א גאנצע צייט און מענטשן קומען נאכאנאנד צו אים מיט שאלות. אבער לאמיר זאגן דו גייסט צו אים און דו זאגסט, "איך האב געהערט א דרשה פון הרב מיללער און איך וויל ווערן נאנט מיט אייך."

אבער ער ענטפערט, "איך האב נישט צופיל צייט."

וועסטו זאגן, "צי מעג איך כאטש טראגן פאר אייך אייער טלית צום שול?"

וועט דער רבי ענטפערן, "עס פעלט נישט אויס, איך טראג עס אליין."

וועסטו זיך בעטן ביי אים, "ביטע רבי, טוט מיר א טובה, לאזט מיר טראגן אייער טלית."

ער וועט זיכער נישט פארברענגען קיין צייט זיך צו טענה'ן מיט אייך אינמיטן גאס, וועט ער אייך צוליב טון. אזוי גייט איר הינטער אים טראגנדיג זיין טלית - איר רעדט נישט מיט אים, איר גייט נאר נאנט צו אים. דארפט איר וויסן, איר האט דערגרייכט א געוואלדיגע זאך. אפילו אויב מען איז נישט קיין חסיד פון דער סאטמארער רבי, אבער אויב האט מען א זכי' צו טראגן זיין טלית, ווערט מען דורכדעם נענטער צום באשעפער; אן קיין ספק.

## נאכלויפן דעם ראש ישיבה

**איך** האב דא דערמאנט איין געהויבענער איד, אבער דאס זעלבע איז נוגע ביי יעדן גדול. ער דארף נישט האבן צייט צו רעדן צו אייך, אבער אויב איר טוט אים עפעס א טובה, זענט איר משמש א תלמיד חכם. דריי זיך ארום אים, אפשר וועסטו זוכה זיין.

אין די פריערדיגע דורות זענען טאקע געווען מער גדולים און צדיקים ווי היינט, אבער אויך דאן האבן מענטשן נישט אנערקענט אין די זכי' צו קענען ווערן נאנט צו זיי - באדינען, הערן א שיעור אדער פרעגן אן עצה - מען האט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייטן.

אבער אפילו היינט, זענען נאך אויך דא גרויסע תלמידי חכמים און ערליכע אידן וואס מיר קענען ווערן נאנט מיט זיי און דורכדעם האט מען א זכי' צו ווערן נאנט צו די שכינה. עס איז א גרויסער שאד אז מענטשן זוכן נישט וואס מער ארייננצוכאפן אין זייער לעבן אזעלכע געהויבענע מאמענטן פון קענען ווערן פיזיש נאנט צום באשעפער.

## דער בעסטער חול המועד שפאציר

**צוליב** דעם שטייט, חייב אדם לקבל פני רבו ברגל - א מענטש איז מחויב צו באזוכן זיין רבי אום יום טוב. פארוואס דוקא יום טוב? דער אמת איז אז מען דארף אים אלעמאל באזוכן, אבער דורכ'ן יאר איז א מענטש פארנומען. ווען עס קומט יום טוב איז מען באפרייט פון דעם עול פרנסה, מען האט אפרו, איז וואס דארף מען דאן טון? גיין צו אונטערהאלטונג פארקס? באזוכן דעם חיות גארטן? נישט פונקט אויף דעם איז דער יום טוב געמאכט געווארן. אין די פרייע טעג האט מען א געלעגנהייט זיך צו ברענגען נאנט צום באשעפער!

דערפאר, ווען עס קומט יום טוב, מוז א איד באזוכן זיין רבי. וואס איז דער צוועקן? זיכער וועט מען הערן גוטע דיבורים פונעם רבי'ן, אבער אויך אויב נישט, אפילו אויב מען קומט און מען שלאפט איין ביי זיין טיש, דאס אליין אז דו ביסט געגאנגען צו דיין רבי אום יום טוב, ביסטו שוין געקומען נאנט צו דער וואס די שכינה רוהט אויף אים, דער אויף וועמען דו קענסט זאגן, "השם אלקיך".

## וואוינען נאנט צום באשעפער

**צו** זיין דבוק אין באשעפער מיינט אויך זיך צו געפינען סיי וואו די שכינה רוט. עס איז א חיוב צו זיין אלעמאל אין אזא סביבה. דערפאר דארף א מענטש אויסקלייבן אלס א וואוינונג א געגנט וואו עס וואוינען ערליכע אידן וואס דינען דעם באשעפער. עס איז כדאי צו טוישן א וואוינארט צו א פרומערע געגנט אפילו ווען עס באדייט צו מאכן א גרויסן טויש אינעם לעבן אדער זוכן א נייער מקור הפרנסה. דאס איז פשוטו של מקרא פון די מצוה פון דביקות. וּבוֹ תִדְבָּק מיינט, ׳דו זאלסט זיך פיזיש באהעפטן צום באשעפער׳. כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה דארף מען טון אלעס וואס מעגליך צו וואוינען צווישן ערליכע אידן. ווי שיין איז צו זען אויף די גאסן פול מיט אידן שומרי תורה ומצוות וואס זענען מקיים מצוות אין די עפנטליכקייט. שבת אינדערפרי זעט מען מענער גיין אין שול מיט א רייע פון זין. אינדערוואכן זעט מען פרויען גיין אין גאס ערלעדיגן זייערע געברויכן פירנדיג קינדער וועגעלעך - צוויי בעביס אינעווייניג און פיר, עטוואס גרעסערע קינדער, האלטן אן די זייטן; מען זעט דארט די שכינה! גרויסע פאמיליעס, פרום און ערליך, די אינגלעך האבן אן גרויסע קאפלעך אויפ׳ן קאפ און די ציצית הענגען ארויס אינדרויסן! צו וואוינען אין אזא סביבה איז ווערד אלע געלטער אויף די וועלט, ווייל מען איז נאנט צו די שכינה.

עס איז א שאד אויף די נשמות פון די אידן וועלכע ציען זיך ארויס פון די קאנצענטרירטע אידישע געגנטער. זיי אנערקענען נישט וויפיל זיי ווערן באאיינפלוסט פון די גוי׳ישע סביבה. די השפעות דרינגען אריין דורך די פענסטערס און מענטשן טוישן זייער גאנצער מהות.

זיי דערלייגן השראת השכינה.

## סביבה, סביבה, סביבה

**אבער** אויך די וואס וואוינען יא אין געגנטער צווישן פרומע אידן, דארפן אין אכט נעמען א וויכטיגע נקודה. ווען מען טוט אפשאצן די ווערד פון א הויז וואס מען וויל אפקויפן און זיך אריינציען אהין, זאל מען נישט נאר באטראכטן די ווערד אין געלט. ווער וואוינט דערנעבן? עס איז זייער וויכטיג צו וואוינען נעבן תלמידי חכמים, נאנט צו צדיקים - און נישט נעבן אן עם הארץ. אן עם הארץ איז נישט א מענטש מיט וועמען מען זאל האבן שייכות, ער איז א סכנה. ׳אן עם הארץ, אפילו ער איז א חסיד, זאלסטו נישט וואוינען נעבן אים׳ (שבת עג.).

אזוי אויך, ווען דו זיצט אין שול, זעץ זיך אויף א זיץ וואס איז נאנט צו די חשוב׳ערע אידן. מענטשן נעמען דאס נישט אין אכט; זיי זעצן זיך נעבן לצים, בעלי לשון הרע אדער סתם שוואכע מתפללים און מיט די צייט דערקענט זיך די שלעכטע השפעה אויף זיי, פאלנדיג צו נידריגע דרגות אין אידישקייט.

## זיי אויף דער וואך

**אלזא** פארשטייען מיר אז מיר דארפן שטענדיג זיין אויף דער וואך - געב אכטונג מיט וועמען דו

זיצט, מיט וועמען דו האסט שייכות - ווייל קרבת חכמים איז קרבת אלקים. דערפאר, ווען מען האט געפרעגט די חכמים (אבות ב:ט): אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ טוֹבָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם - וואס איז די ריכטיגע וועג וואס א מענטש זאל זיך אין איר באהעפטן? האט רבי יוסי געזאגט, שָׁכֵן טוֹב - "א גוטער שכן." נעם אין אכט מיט וועמען דו פארברענגסט! מיט וועמען דו ביסט נאנט; דיינע חברים, שכנים און אפילו קרובים! די חז"ל ווארענען, לעולם ידבק אדם בטובים - א מענטש זאל זיך אלעמאל באהעפטן צו די גוטע (בבא בתרא קט:). מען זאל האבן שייכות נאר מיט ערליכע לייט. דאס איז דער דרך אין לעבן וואס ברענגט דיר נענטער צום באשעפער.

דער אמת איז אז מיר האבן נאך כמעט נישט אנגעהויבן צו דורכטון די נושא - עס איז דא אזויפיל מער צו זאגן - אבער אפילו דאס ביסל וואס מיר האבן יא גערעדט דערוועגן, עפנט אונז א נייע טיר צו אונזער פליכט אין עבודת ה'. מען דארף געדענקען די ווערטער פון דער מסילת ישרים (הקדמה): וכשתסתכל בדבר - אויב דו וועסט גרינטליכער זיך פארטיפן אינעם תכלית פון לעבן, תראה - וועסטו זען, כי השלמות האמיתי - די ריכטיגע שלימות, די אמת'ע הצלחה פון א מענטש, הוא רק הדביקות בו יתברך - איז זיך צו באהעפטן צום באשעפער, זיין נאנט צום אים. והוא מה שהיה דוד המלך אומר - און דאס איז וואס דוד המלך זאגט אין תהלים (עג:כח), וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב - און פאר מיר, צו זיין נאנט צום באשעפער, דאס איז גוט.

## די בעסטע מיינונג פון אלעם

**מיט** דעם אויסדרוק 'ואני' וויל דוד המלך עפעס באטאנען דוקא איבער אים. ווייל עס זענען דא אלע סארטן זאכן אין די וועלט וואס מענטשן באטראכטן אלס 'טוב'. און מיר רעדן דא נישט פון קיין שוטים וואס לויפן נאך נארישקייטן - די 'רודפי רוח' וואס פארפאטשקען זייער לעבן, נאר אפילו אזעלכע מענטשן וואס פירן זיך ערליך זענען אויך נישט אלעמאל קלאר מיט זייער אמת'ער ציל אין לעבן. דערפאר באטאנט דוד המלך דער 'וַאֲנִי', ווייל עס זענען געווען אין זיינע צייטן אויך אנדערע גרויסע מענטשן, וואס האבן געהאט אן אנדער בליק. זאגט ער אבער, וַאֲנִי - וואס איז נוגע צו מיר, קִרֲבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב - איז די בעסטע זאך צו זיין נאנט צום באשעפער. און דוד המלך איז דער מענטש צו וועמען'ס מיינונג מיר דארפן זיך צוהערן. דאס גרעסטע גוטס, די בעסטע זאך צו וואס א מענטש קען דערגרייכן, איז צו קומען נאנט צו אֱלֹקִים.

וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם - די מענטשן וואס באהעפטן זיך צום באשעפער פיזיש אויף די וועלט, חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם - זיי וועלן לעבן לנצח נצחים מיט'ן באשעפער בעולם הבא. קרבת אלקים; דאס איז אונזער הצלחה און אונזער פרייד אויף אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**
**פארוואס האלט דער רב אז צו גיין צו א האטעל אויף פסח איז אזא גרויסע עבירה? אסאך גדולים טוען דאך אזוי.**

**תשובה:**

איך גלייב נישט אז גדולים טוען אזוי. און וואס איז טאקע דער געפערליכער חטא פון גיין צו א האטעל אויף פסח? איך מיין איך האב דאס שוין געזאגט. פסח ביינאכט, ווייסט יעדער, איז איינע פון די הייליגסטע נעכט אין א אידיש לעבן. פארוואס טוען מאלעריגס פארשטעלן אט די סצענע מער ווי סיי וועלכע אנדערע נושא? ווייל יעדער איד פארשטייט אז פסח ביינאכט איז א הייליגע איבערלעבעניש. און דאס צו ביליג מאכן דורך פראווען אין עפנטליכע ערטער בעאיינזאמע סדרים איז א חילול ה'. אויב טייל מענטשן גייען, איז דאס ווייל זיי זענען פשוט קראנק; זיי זענען אינוואלידן. און אויב טרעפט איר מענטשן וועלכע זענען נישט קראנק און זיי גייען, דארפט איר וויסן אז זיי זענען נישט קיין גדולים, זיי זענען ווייט פון זיין גדולים. זיי זענען אמעריקאניזירט און דער טיטל 'גדולים' פאסט זיך אינגאנצן נישט אויף זיי.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**